בלתי מוגה כל הצורך

# דער אייגנארטיגער וועג וויאזוי דער רבי איז עוסק בתיקון נשמות ישראל

**שיחה שנמסרה ע"י רבי יעקב נתן אנשין שליט"א**
**אצל נסיעה לציון רבינו הק' הנגמ"ח זצוקל"ה**
**בעיר הגעגועים אומאן – למקורבים חדשים מחבורת 'לחיותינו'**

## די מיוחד'דיגע וועג

טייערע חברים, מיר געפינען זיך דא ביים הייליגן רבי'ן, און ברוך השם ס'איז דא אויך אידן וואס האבן זוכה געווען צו קומען די ערשטע מאל צום הייליגן רבי'ן. און יעדער וואס קומט צום רבי'ן דארף קומען מיט אזא סארט געפיל, ווייל באמת כלפי וואס דער רבי טוט מיט אונז, איז יעדע מאל די ערשטע מאל.

איך וויל רעדן א זאך וואס ס'איז גאר 'גאר וויכטיג צו וויסן', גאר אן 'איידעלע נקודה', דער אייבערשטער זאל געבן די ריכטיגע ווערטער צו עס ארויסגעבן, און ס'זאל אויפטוהן די ריכטיגע תועלת.

איך וויל רעדן אביסל די וועג פון רבי'ן. דער רבי האט אן עקסטערע וועג וואס מ'קען זאגן אז ס'איז אנדערש פון אלע צדיקים. איך רעד יעצט נישט וועגן די תורות מיט די עצות. דער רבי האט א געוויסע וועג וויאזוי ער פָארעט זיך מיט נשמות וואס קומען צו אים, מיט נשמות וואס האבן שייכות צו אים, ער האט א געוויסע וועג וויאזוי ער ברענגט זיי צו וואס זיי דארפן אנקומען, אנדערש ווי ס'איז נהוג ביי אנדערע גרויסע צדיקים. וואס דער הייליגער **בעל שם** האט שוין געזאגט אז ער וועט האבן אן אייניקל וואס וועט גיין אויף אזא סארט וועג, אזוי ווי מ'וועט נאך באלד דערציילן בקיצור. און ס'איז גאר וויכטיג צו וויסן די וועג וויאזוי דער רבי פארעט זיך מיט אונז, ווייל ס'איז נוגע גאר שטארק פאר א מענטש, און אויב א מענטש האט עס נישט ארויס, קען ער אסאך מאל נישט פארשטיין וואס דא טוט זיך פונקט.

## און איך הייל זי

איך וועל אנהייבן מיט די לעצטע שטיקל פון **סיפורי מעשיות**. די לעצטע מעשה פון סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט, איז די מעשה פון די **זיבן בעטלערס**, ס'איז גאר גאר א הויכע מעשה. דער רבי אליין האט געזאגט, אז ווי הויך די גאנצע סיפורי מעשיות איז, אבער די לעצטע מעשה דאס איז העכער פון אלע מעשיות. און די לעצטע שטיקל פון די לעצטע מעשה רעדט פון א **בת מלכה** וואס א **מלך אכזר** האט איר פארכאפט, און די גאנצע מעשה וויאזוי ס'האט אויסגעזען, איך גיי יעצט נישט דערציילן די גאנצע מעשה. און דארטן באמת אין די שטיקל איז דער רבי מרמז זיין וועג וויאזוי ער איז עוסק צו מרפא זיין נשמות ישראל.

די מעשה דארטן איז: אז ס'איז געווען א בת מלכה וואס א מלך אכזר האט איר געכאפט, און זי איז געווען ביי אים. אנהייב איז געווען צווישן זיי א ליבשאפט, שפעטער איז קאליע געווארן די ליבשאפט, און זי איז אנטלאפן פון אים. דער מלך אכזר לויפט נאך די בת מלכה. ער לויפט איהר נאך, און זי אנטלויפט פון אים, ביז זי לויפט אריין אין א מבצר של מים, אין א וואסעריגן שלאס. און אז זי איז אנגעקומען דארטן, האט דער מלך אכזר געזאגט, אויב אזוי, אז זי איז שוין אנטלאפן אין די וואסער, האט ער געהייסן מ'זאל איר שיסן, און אויב זי וועט שטארבן, וועט זי שטארבן. און מ'האט איר טאקע געשאסן, און מ'האט אריינגעשאסן אין איר צען סארטן פיילן, עשרה מיני חיצים, וואס די חיצים זענען אנגעשמירט מיט צען סארטן סמים, עשרה מיני סמים, גאר שווערע חיצים, וואס יעדער חץ איז אנגעשמירט מיט אן אנדער סארט סם, וואס אז ס'ווערט אריינגעשטעקט אין א מענטש איז רחמנא ליצלן, ס'פאר'סמ'ט אים, ס'הרג'עט אים. און ער האט אריינגעשאסן אין איר אלע צען פיילן, און זי איז אריינגעלאפן אין דעם מבצר של מים ביז זי איז אנגעקומען אינעווייניג, און זי איז דארט אנידערגעפאלן און געבליבן חלשות. דאס איז געווען דער ערשטער חלק פון די מעשה.

שפעטער זאגט דער **בעטלער** וואס ער האט דערציילט די מעשה, דער בעטלער אן די הענט, האט ער געזאגט, "**און איך הייל זי**", איך הייל אויס די בת מלכה. וואס דאס האט דער רבי דעמאלטס געוויזן אויף זיך, אז ער איז עוסק טאקע צו מרפא זיין די בת מלכה וואס מ'האט אריינגעשאסן אין איר די צען סארטן פיילן.

בקיצור הנמרץ, וואס יעדער איינער פארשטייט, רבי נתן רעדט פון דעם, אז די 'בת מלכה' דאס איז 'נשמות ישראל', יעדע נשמה פון אונז איז א בת מלכה. און דער 'מלך אכזר', איז דער 'בעל דבר', אין אנהייב איז דא א ליבשאפט צווישן אונז, שפעטער ווערט עס קאליע, מ'אנטלויפט פון אים, מ'הייבט אן אנטלויפן פון אים. און ווען ער זעט אז א איד אנטלויפט פון אים און לויפט שוין אריין אין דעם וואסעריגן שלאס, הייסט ער אז מ'זאל שיסן אין אים אלע פיילן. וואס איז די פיילן וואס דער מלך אכזר שיסט? דאס איז די אלע פגמי הנפש וואס דער יצר הרע שיסט אריין אין א מענטש, בפרט בפרט די ענינים פון פגמים פון קדושה, און ס'איז אנגעשמירט מיט כל מיני סמים, ס'ברענגט אריין אין א מענטש, ס'פאר'סמ'ט א מענטש, סיי מיט כפירה, סיי מיט בלבולים, ס'מאכט אים עצבות'דיג, ס'מאכט אים פארטאמט. און ברוך השם מ'איז דא ביי א גרויסן דאקטאר, וואס ער איז גאר א גרויסער דאקטאר, און ער ווייסט וויאזוי צו היילן די בת מלכה.

## שיסן און ארויסנעמען

באמת, דער **בעטלער** רעדט דא א לאנגע שמועס, וויאזוי ער היילט אויס די בת מלכה. איך וויל נאר זאגן א שורה... ער רעדט דארט מיט נאך צדיקים, ער פרעגט זיי, צו זיי האבן כח, און וועלכע סארט פיילן קען יעדער איינער ארויסנעמען, יעדער צדיק האט א כח צו ארויסנעמען געוויסע פגמים פון א נשמה פון א איד, ביז ער זאגט אז ער האט כח צו ארויסנעמען אלע צען סארט פיילן דורך די עשרה מיני נגינה, וואס דאס איז די סוד פון די **צען קאפיטלעך תהלים** וואס מען זאגט ביים הייליגן רבי'ן'ס ציון, און אזוי ווייטער.

אבער ער זאגט א מורא'דיגע זאך, דער בעטלער איז זיך מתפאר, ער האלט זיך גרויס, "**אז איך קען שיסן די פיילן אין די בית מלכה און עס צוריק ארויסנעמען**". זאגט **רבי נתן**, א מורא'דיגע וואונדער, אויב ער וויל אויסהיילן די בית מלכה, וואס קומט דא אריין אז ער איז זיך מתפאר אז ער קען שיסן און ארויסנעמען? זאג אז איך קען ארויסנעמען די פיילן פון די בית מלכה, וואס דארף ער שיסן? מ'האט שוין געשאסן גענוג. דער מלך אכזר האט שוין געשאסן, מ'איז שוין צושאסן אינגאנצן. נאר יעצט וויל מען קומען צו א דאקטאר. ס'איז אזוי ווי א מענטש וואס וועט קומען צום דאקטאר, און ער וועט זאגן, "איך קען אים קראנק מאכן אין אויסהיילן", קראנק איז מען שוין, אז נישט וואלט איך נישט געקומען צום דאקטאר. איז דארפסטו מיר נישט קראנק מאכן, דארפסטו מיר נאר אויסהיילן. קומט איינער און ער זאגט איך קען שיסן פיילן און ארויס נעמען די פיילן. וואס איז פונקט די גדאנק?!

דא באהאלט זיך גאר א גרויסע סוד. '**וואס מען דארף האבן א זהירות ווי אזוי צו עס רעדן**', אבער ווער ס'לעבט דאס מיט ביים רבי'ן קען עס פילן בפשטות, '**און ס'איז כדי וואס פריער צו וויסן פון דעם סוד**', ווייל ס'גיבט כוחות צו באמת פארשטיין די תהליכים וואס יעדער איינער גייט אריבער.

ס'איז דא א סוד, אז כדי צו אויסהיילן ריכטיג א מענטש דארף מען שיסן אין אים איבער א נייעס אלע פיילן וואס איז געשאסן געווארן אין אים אין אנהייב, '**אבער**' נישט דאס שיסן באופן אזוי ווי דער מלך אכזר האט עס געשאסן, וואס דער מלך אכזר האט געשאסן פיילן כדי צו קראנק מאכן די בית מלכה און צו איהר דער'הארגענען און צו אראפווארפן אין חלשות. - דאס ווערט אנגערופן אין כתבי האר"י אז אין הדין נמתק אלא בשרשו, אז מיר וויל ממתיק זיין א דין, קען מען נישט נאר נעמען דעם דין און עס ממתיק זיין, מען דארף צוריק ארויף גיין צו דעם שורש הדין און דארטן עס ממתיק זיין. - איז דא א סוד אז כדי צו אויסהיילן א נשמה פון כלל ישראל דארף דער רבי שיסן איבער א נייעס פיילן און ארויס נעמען פון אים די פיילן. אויב ער וויל באמת אויסגעהיילט ווערן. מ'קען אים אויסהיילן, א מענטש קומט וואס איז איינגעשאסן אין אים פיילן מיט סמים, קען מען פשוט קומען און ארויסנעמען די פיילן, אים רייניגן פון די סמים, אים לייגן א תחבושת, אויף אלע לעכער וואס איז געווארן, און אים אהיימשיקן. 'אבער ס'וועט נישט זיין דעם תיקון השלם'. דער תיקון איז אז דער צדיק זאל שיסן

אין אים פיילן, און ער וועט ארויסנעמען פון אים יעצט די פיילן. **'עד כאן בדרך הסוד'.**

## למעשה

למעשה, וואס מיינט דאס? למעשה מיינט דאס, אז דער רבי האט גאר אן עקסטערע סארט וועג. - דער רבי איז א גרויסער סבלן אויך. וואר ס'דרייט זיך אביסל אין אומאן, און איך מיין נישט נאר ראש השנה, נאר קומט מפעם לפעם, די וואס זענען זוכה צו זיין אָפטער ביים רבי'ן, קענען דאס מעיד זיין, אז דער רבי, צדיקים מדמים ליוצרם. און וואס מער דער כח הצדיק איז גרעסער, האט ער וויניגער מורא, ער האט וויניגער מורא צו נעמען ריזיקעס. ער האט נישט קיין פראבלעם צו מאכן לאנגע מהלכים מיט א מענטש. ס'יאגט אים נישט.

איינער וואס איז א מוגבל אין זיין כח, איז יאגט אים זייער שטארק, און וואס ער קען מוז ער מאכן אויפ'ן פלאץ. דער רבי האט אזעלכע שרשית'דיגע זאכן, אז למשל מ'קען דא זען מענטשן וואס קומען און זענען נאך אינמיטן די שלב וואס דער רבי שיסט זיי פיילן, דער רבי האלט אינמיטן זיי שיסן פיילן, ווייל ער האט צייט ער וועט זיי שיסן און שפעטער וועט ער דאס צוריק ארויסנעמען.

## העלפן א בעל בחירה

ס'איז דא א סוד וואס דער צדיק וויל ברענגען א מענטש צו זיין תיקון 'מתוך זיין אייגענע בחירה'. דהיינו, לאמיר דערציילן די מעשה פון **בעל שם** וואס מ'האט פריער דערמאנט. **ר' שמואל הורוויץ** ברענגט א מעשה, אז דער בעל שם אמאל געזאגט פאר א איד וואס איז געווען ביי אים, ער האט זיך אנגערופן און האט אים געזאגט, **"איך וועל האבן אן אייניקל וואס וועט קענען טון א טובה א בעל בחירה"**. אזוי האט ער אים געזאגט, "איך וועל האבן אן אייניקל וואס וועט קענען טון א טובה א בעל בחירה". ס'איז געווען שפעטער נאך ס'איז נסתלק געווארן דער בעל שם. איז ער געווען שטארק אינטערעסירט צו גיין צו דעם אייניקל פונעם בעל שם. האט ער אנגעהויבן גיין צו די אייניקלעך פונעם בעל שם. און פארשטייט זיך אז צווישן די אייניקלעך פונעם בעל שם איז געווען גאר גרויסע בעלי רוח הקודש. און איינער פון די גאר גרויסע פון זיי איז דער הייליגער **רבי ר' ברוך'ל**, וואס ליגט טאקע אין אהל פונעם בעל שם. בקיצור, ער איז געקומען צום רבי ר' ברוך'ל. ער קומט אן נעבן די שטוב פון רבי ר' ברוך'ל, און פארשטייט זיך אז רבי ר' ברוך'ל האט געהאט אפענע אויגן. ער שטייט אונטערן טיר, הערט ער ווי דער רבי ר' ברוך'ל זאגט, **"א בעל בחירה? העלפן א בעל בחירה?"** אזוי ווי ער מאכט עס אפ, ווי קען מען דאס טון? האט ער געזאגט, "אה נישט אייך האט געמיינט דער זיידע". איז ער געגאנגען ווייטער, איז ער געקומען צום רבי'ן, ער איז אנגעקומען, ער האט געהערט אז ס'איז דא אן אייניקל פונעם בעל שם, דער רבי נאך געווען יונג. ער איז געקומען צום רבי'ן - ער אליין איז שוין געווען זייער אלט - און ער שטייט אונטערן טיר, הערט ער ווי דער רבי זאגט, **"יא, יא, א בעל בחירה, א בעל בחירה"**. איז ער אריין געקומען צום רבי'ן.

**ר' שמואל הורוויץ** איז דארטן מורא'דיג מסביר וואס מיינט בעל בחירה? אלע צדיקים מאכן טובות פאר בעלי בחירה. מיר זענען אלע בעלי בחירה, און די צדיקים מאכן אונז אלע טובות?!

## די פשוט'ע וועג

נארמאל די וועג ווי א צדיק העלפט - איך גלייב אז יעדער אינגערמאן וואס קומט צו א ציון פון א צדיק, זיין תקוה און זיין רצון איז מיטן קומען, 'און אזוי איז דאס', און 'אזוי דארף מען טאקע וועלן', אז איך קום צום צדיק, ער זאל מאכן אין מיר א שינוי. דער צדיק זאל מיר ארויסנעמען מחושך לאור, דער צדיק זאל מיר אויפהייבן, דער צדיק זאל מיר ראטעווען פון כל מיני תאוות וואס איך מוטשע זיך, און צו דעם קומט מען טאקע צו צדיקים.

די וועג טאקע ווי צדיקים מאכן עס, אויב זיי זענען מחליט צו העלפן א מענטש, אז אין א געוויסע מאס זענען זיי מבטל זיין בחירה. דהיינו, א מענטש וואס מוטשעט זיך מיט א געוויסע מוטשע'ניש, איז קומט ער צו א צדיק, און דער צדיק שיינט אים אזא מין ליכטיגקייט - צו ס'איז א לעבעדיגער צדיק, צו ס'איז א צדיק לאחר הסתלקותו - ער קומט, און דער צדיק שיינט אים א ליכט, און ער נעמט אים ארויס פון זיין פלאץ.

א מענטש וואס האט זיך געמוטשעט מיט תאוות אכילה, ער האט שטארק ליב צו עסן, - איך וויל נישט מרחיב זיין, בפרט עס איז ממש "מתו מוטל לפניו" דא, מ'זיצט דא אנטקעגן די עסן, - ווען א מענטש האט תאוות אכילה, און ער קומט צו א צדיק, און ער שרייט זיך אויס: "געוואלד! איך וויל ארויסגיין פון תאוות אכילה!" און ער גייט ארויס אזוי פון ציון, און דער חבר אויפן וועג פראבירט אים מציע זיין א שטיקל מזונות, ער זאגט: "איך ווייס נישט, ס'גלוסט מיר עפעס נישט, בקושי עפלעך מיט באנאנעס אפשר קען ער נאך עסן, מיט א שטיקל ברויט, אבער ער איז ארויס פון תאוות אכילה, און עס קען זיין אזאלעכע מעשיות, די צדיקים האבן אזא כח.

## נישט צונעמען די בחירה

אבער בפרט דער הייליגער רבי האט אן אנדער וועג, נישט צונעמען בחירה פון א מענטש, 'און אדרבה, אין א געוויסע מאס, דוקא נאך מגדיל זיין זיין בחירה נאך מער', דאס מיינט אים צוריק שיסן פיילן, אפילו פון די נסיונות וואס ער האט פארדעם געהאט, 'אבער' אים אויסלערנען דארטן א וועג, וויאזוי פון זיין אייגענע בחירה, הייבט ער אן 'זיך אנהאלטן שטארק', און 'וועלן ארויסגיין פון דעם', און אנהייבן נוצן מיט זיין אייגענע בחירה מורא'דיגע עצות, מיט סבלנות, מיט עקשנות, אן דחיקת השעה, מיט אלע וועגן, ביז דער מענטש וועט ארויסקריכן פון די תאוה, בכוחות עצמו כביכול, פארוואס כביכול? ווייל באמת איז דאס דער כח הצדיק, אבער דער כח הצדיק גייט אין אזא אופן, נישט אז איך זאל דיר צונעמען דעם בחירה, נאר ארויסנעמען פון דעם.

עס איז דא מאלן, וואס אויב דער רבי זעהט אז ס'איז ממש 'מקרה חירום', קען ער דאס אויכעט מאכן, אבער ער איז שטארק מעדיף עס נישט צו מאכן, 'און ער מאכט דאס נישט', ער איז מעדיף צו רעדן מיט א מענטש א גאנצע השתפכות הנפש, מיט א משיבת נפש, א ליקוטי הלכות, מיט אן עלים לתרופה, און אים אנהאלטן שטארק, אים אנגארטלען מיט אזעלכע כוחות, אזעלכע ליכטיגקייטן, אז דער מענטש זאל פון איין זייט ווייטער אריבערגיין די זעלבע מעברים וואס ער האט געהאט, - און אסאך מאל קומט נאך צוריק אמאליגע מעברים אויף א שטארקערן אופן, - און דארטן זאל ער אנגיין מיט די גאנצע פעסטקייט ביז ער וועט ארויסקריכן פון דארטן, מתוך זיין אייגענע בחירה.

דאס איז א מורא'דיגע עקסטערע זאך ביים רבי'ן, וואס אז מ'כאפט דאס נישט, איז אסאך מאל קען א מענטש אפילו האבן א עקמימות בלבב, ער קומט צו א צדיק, און וואס האט פונקט פאסירט? אבער ווער עס הייבט דאס אן טועם זיין, ס'איז אזא מין גוטע טעם.

## מיטן צדיק אויפן פראנט !

דער רבי וויל אז אונז זאלן זיין צדיקים, ער וויל נישט נאר עס זאלן זיין חסידים וואס קומען צו א צדיק, און דער צדיק האט אים געהאלפן, און ער קען מאכן ביים יארצייט א סעודה, און דערציילן א מופת וואס ער האט געהאט, אז דער צדיק, אדער ער האט אים געגעבן שפע, אדער בכלל דער צדיק האט אים ארויסגעשלעפט פון כל מיני נסיונות. ס'איז אזוי! דער רבי שלעפט ארויס! אבער די וועג ווי אזוי ער שלעפט ארויס, ער זאגט אים: **"קום, איך גיב דיר א האנט, קום צוריק אראפגיין דארטן ווי דו ביסט געווען"**, אבער יעצט ביסטו מיט מיר, יעצט וועסטו עס אריבערגיין איבער א נייעס, אבער מיט מיר, פריער האט דער מלך אכזר געשאסן אין די פיילן, און דו ביסט געפאלן חלשות, יעצט קום, וועל איך צוריקגיין מיט דיר אין דעם שדה הקרב, און די וועסט כאפט איבער א נייעס פיילן, אבער יעצט וועסטו זיין מיט מיר.

יעצט ווען די וועסט שוין זיין מיט מיר, איז דאס שוין אן אנדער חוויה, אן אנדער סארט מציאות, ס'איז אן אנדער סארט מיטלעבן.

לדוגמא אפילו, א מענטש האט כל מיני חלישות הדעת, כל מיני זאכן וואס גייט אריבער אויף אים. ס'איז דא חלישות הדעת 'פארן' קומען צום רבי'ן, חלישות הדעת וואס ווארפט אראפ א מענטש, פשוט ס'טראסקעט אים אראפ. אין ס'דא שפעטער אז ער קומט צום רבי'ן, דער רבי וויל אים נישט נאר ארויסנעמען פון זיין חלישות הדעת און אים מאכן מלא שמחה, און ער וועט אהיימקומען אין שטוב וועט ער זיין א פרייליכער מענטש. אדער למשל, - אז מ'רעדט פון עצבות, אמאל מאכט דאס אליינס בעצבות. - לאמיר רעדן מער פון עֶקשן, פון כעס. ס'איז דא מענטשן למשל וואס האבן כעס, זיי ווערן נערוועז. איך האף אז ס'איז נישט דא אזא מענטש, אבער מסתמא האט יעדער איינער געזען אין ספרים אז ס'איז דא אזא זאך... יא? ס'ווערט געברענגט אין ספרים, ס'איז געווען אין אמאל'יגע צייטן... אזוי זאגט מען פאר קינדער אויף געוויסע זאכן וואס מ'לערנט אין חומש, ס'איז געווען אין אמאל'יגע צייטן, יא? כדי ס'זאל נישט אריינגיין אין קיין שאלות מיט חקירות. זאגט מען, ס'איז געווען אין אמאל'יגע צייטן, ס'איז געווען כעס, ס'איז געווען כל מיני זאכן... יעצט א מענטש האט כעס, און ער ווערט אין כעס, ער ווערט דערצערנט, דאס איז אז דער מלך אכזר שיסט אין אים פיילן פון כעס, רחמנא ליצלן. ס'ווערט אריינגעשאסן אין א מענטש כעס אדער כל מיני ענינים, רחמנא ליצלן, ס'ווארפט אים אראפ, ס'איז אים מרחק פון אייבערשטן.

קומט ער צו א צדיק, און ער זאגט, "געוואלד, וויפיל קען מען?" - איך זאג אז ער קומט צו א צדיק אויף כעס... ס'איז דא הרב ארז משה דורון. ער האט אסאך שיינע ספרים וואס ער האט געשריבן. ער האט א ספר וואס איז אזוי ווי חוויות, אזוי ווי "מתבודדים מספרים על עצמם". ער האט געשריבן על זה הדרך, אזוי ווי מתבודדים דערציילן אויף זיך. שוין. דארטן דערציילט ער אין איינע פון די מעשיות. אז ער איז געפארן אמאל אויף אומאן, און ער איז געזעצן אויפן פליגער, און ס'איז געזיצן נעבן אים אזא גרויסער מענטש, אזא... ווייסט דאך אזא פרענק... שוין, ער זיצט, און ער הייבט אן רעדן מיט יענעם. אים איז נישט געווען אזוי איינגענומען צו רעדן מיט אים, ער האט נישט געזוכט צו רעדן מיט אים, אבער ער האט אים געזאגט, וואו הייסטו? א.א.וו. זאגט יענער, "איך קום יעצט צום

רביין, אדער איך פאר צוריק פונעם רביין. איך האב געברענג דעם רביין די יאר א מתנה, טויזנט שעות התבודדות". ס'איז, יעדן טאג דארף מען מאכן דריי שעות התבודדות בערך. און ער רעדט מיט אים אהער און אהין, דערציילט ער אים, "אני סבלתי על כעס מעשי". ער האט געליטן אויף כעס מעשי. זאגט ער אים, "מה זה כעס מעשי? "זאגט ער אים, "נא, אתה לא מבין? כעס מעשי, אצלי זה לא תיאוריה, כשאני כועס זה למעשה..".און ער זאגט, "כבר ישבתי בכלא על זה... ער האט קבלות, ער ווערט נישט אין כעס סתם, ס'איז בל תשחית, אויב שוין אין כעס, איז עד הסוף". בקיצור, ער האט שוין מכליל געווען מענטשן אין עלמא דאתי מסתמא, און כל מיני אזעלכע ענינים.

ער איז געקומען, ער איז געווארן א בעל תשובה, ער איז געקומען צום רבין, און ער האט פארשטאנען אז ס'איז נישט דא קיין וועג, ער דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן. און ער האט פשוט יעדן טאג כמה שעות געבעטן, און ער האט זיך אויסגערעדט דעם הארץ צום אייבערשטן, און געשריגן קולי קולות.

## ראטעווע מיר פון כעס...

איך געדענק טאקע א איד וואס האט פלעגט דא קומען, איך קען אים אין איך גיי נישט זאגן פרטים אויף אים, אן ערליכער איד, א תמים, אן ערליכער איד, איינער פון בני ברק. איך האב אסאך וואס צו דערציילן אויף אים, אבער על כל פנים, ער איז געווען, איך קען אים פון מיין חתונה בערך, אביסל פאר מיין חתונה, און איך פלעג אביסל פארן מיט אים קברי צדיקים, ממש איך האב גאר הנאה געהאט צו פארברענגען מיט אים אין עבודת השם. ער איז אזא איידעלער מענטש, און אזא נישט קיין נערוועזער, למשל מ'קומט אן אין חברון, ווען פארט מען אהיים? ווען דו וועסט זאגן, ער איז געווען גאר אזא נוח, ממש קענסט אים צוטרעטן ווי מ'זאגט, גאר א גרינגער מענטש.

שפעטער רעד איך מיט איינעם, און איך זאג אים, איינער א חברותא מיינער, אן עלטערער איד, זאג איך אים אז איך בין געפארן מיט דעם און דעם, און אזא גאר אזא דאס. "דער ער? אה, איך קען דיר דערציילן, דו ווייסט נישט וואסארא כעסן ער איז געווען. איין שטיק כעס, עס האט געברענט אין אים. נישט נאר א כעסן, ס'איז דא אזאלעכע... ווי שטייט: 'רתחנים חייו אינם חיים', ער איז געזעצן דא ביים ציון, און איינער האט געגעבן א רוק א טיש, אוי, איי... דו ווייסט, יעדע זאך האט אים געשטאכן, ער האט געהאט אזעלכע... זיינע אנטענעס האבן געארבעט גאר שטארק, יעדע זיזה האט אים ממש... בקיצור, זאגט ער אז ער פלעגט דא שטיין ביים ציון, ער פלעגט שטיין שעות, ער זאגט שעות מיט די זעלבע ווארט, "רבי, ראטעווע מיך פון די כעס, ראטעווע מיך פון די..". און ער האט עס געזאגט מיט אזא כעס, אז ממש "ראטעווע מיך פון די כעס!" און מ'האט אים געראטעוועט צום סוף!

אבער וואס איז געווען די שיינקייט? וויאזוי גייט מען ארויס פון די כעס? נארמאל, וואס זענען אונז מצפה פון א צדיק? דער מלך אכזר שיסט אים פיילן פון כעס? נעם ארויס די פיילן! נעם ארויס, הייל מיר אויס, איך זאל נישט ווערן אין כעס. יא יא, דאס איז זיכער די תחנה סופית, צו דארטן וויל מען אנקומען, און מ'וועט אנקומען.

## צוביסלעך, צוביסלעך...

אבער די וועג ווי דער רבי מאכט דאס איז א גאר אינטערעסאנטע וועג, וואס איז נישט קיין וועג פון אנדערע צדיקים. ס'איז א וועג וואס דער רבי מאכט דאס, אז ער וויל אז דו זאלסט דאס טון, איך וועל דיר באגלייטן. יעצט קום איבער א נייעס, ווער אין כעס, און איך וועל דיר באגלייטן. דאס מיינט, יעצט וועסטו אהיימגעקומען פון אומאן, און איך ווייס וואס, איינער וועט פרעגן... ס'וועט ווערן צוריק די זעלבע סאמאטוכע ווי פריער, אבער יעצט... יעצט ביסטו שוין מיט מיר, דו ביסט שוין מיט א **משיבת נפש**, מיט א **השתפחות הנפש**, מיט רצונות, מיט כיסופים, מיט ווענן, מיט תורות. יעצט וועט מען דיר אנגעהויבן, יעצט וועסטו פון דארטן פרובירט, למשל, נאך די כעס, פאר די כעס, וועסטו מאכן א מחאה, און זאגן, "**רבונו של עולם, אין דעתי נוחה בזה, איך ווייס איך האב געטון א שטות, איך וויל עס נישט טון, איך בין נישט צופרידן מיט דעם**". און דו וועסט זיך אנהייבן מחיה זיין בצר הרחבתי, "**איך בין געווען אין כעס, אבער נישט עד הסוף, איך האב נישט אויסגעפירט**".

אזוי ווי **רבי נתן** זאגט, "**לא תכלה פאת שדך בקצרך, לעני ולגר תעזוב אותה**". גיי נישט ביזן סוף, לאז איבער יעדע מאל א שטיקל, די פאה לאז איבער פאר לעני ולגר, פאר די נשמה העניה, פאר דיין ארימע נשמה, לאז איבער א שטיקל פאה, דו מוזט נישט שניידן ביזן סוף... און אזוי מיט אלע מיני עצות פון רביין, און אזוי וועסטו צוביסלעך, צוביסלעך, ארויסקריכן פון כעס, "ויקרא על שמך", דו ביסט ארויס פון די כעס, ס'איז א תיקון אחר לגמרי.

## ברענגען משיח

דער רבי האט געזאגט בזמנו, ס'שטייט אין חיי מוהר"ן "**איך האב אזא השגה וואס איך קען ברענגען דורך דעם משיח**". און מיר ווייסן אז אסאך צדיקים האבן געהארעוועט אויף דעם, דער **חוזה** איז דאך נסתלק געווארן מחמת דעם, דער חוזה, מיט דער **קאזשניצער מגיד**, וואס דעמאלטס איז געווען די וויכוח, אלע צדיקים. און דער רבי האט אויך געזאגט, איך האב א השגה איך קען ברענגען משיח.

דער רבי האט געזאגט קלאר - נישט אז דער רבי איז געגאנגען מיט די השגה און עס איז נישט געגאנגען. - נאר דער רבי זאגט, איך האב די השגה, אבער איך האב עס אפגעלאזט, עפעס אזא לשון, איך האב זיך גענומען צו אייך מחזיר זיין למוטב. און אלע פרעגן וואס איז פשט? וואס הייסט אז משיח וועט קומען? אז אידן וועלן זיך אומקערן צום אייבערשטן? יא, קען אסאך ווערן אוועקפאלן, אבער אז משיח וועט קומען וועט ווערן תיקון העולם.

דאס איז פונקט די געדאנק פון רביין, נישט נאר אין כלליות העולם, נאר אויך מיט יעדן איינעם, דער רבי זאגט פאר א מענטש, איך קען ברענגען דיין משיח, איך האב א פראבלעם? דער רבי האט געזאגט, אין **חיי מוהר"ן**, בפרטיות פאר א מענטש, איך קען דיר געבן אזא יראת שמים, אזא יראה, דארטן איז דא די מעשה ער האט געבעטן דעם רביין גיב מיר יראה, האט דער רבי אים געזאגט, אם כן, יעבוד השם יתברך את עצמו בעצמו. דער אייבערשטער וועט זיך אליין דינען. כאילו ער וועט דיר געגעבן יראה, און די וועסט מורא האבן פון אים. - צום סוף גיבט דיר סייווי אלעס דער אייבערשטער, - אבער די וועג ווי דער רבי מאכט דאס איז דוקא נישט איך וועל דיר געבן, ניין. איך וועל דיר פארקערט, אין א געוויסע מאס איז דא א בחינה מ'הייבט אן שיסן אין דיר פיילן, איך וועל אנהייבן שיסן אין דיר פיילן, אבער ס'וועט זיין זיסע פיילן. וואוו, ס'איז געשמאק.

## מוחין דקטנות, מיטן רביין

מען קען דאס פילן, איך גלייב אז ווער ס'זיצט דא, אפילו ווי מ'זאגט די פרישע, איינער פון די זאכן וואס מ'הייבט אן אין ברסלב, גאר אנהייב, מען הייבט זיך אן באקענען מיט התבודדות. התבודדות ווייסט יעדער איינער, באופן כללי אז ס'איז "שפכי כמים לבך נוכח פני השם", זיצן, דערציילן פאר'ן אייבערשטן די הארץ וכו', און ס'איז כולל אסאך זאכן. און יעדער איינער ווייסט אז ווען מ'קומט רעדן צום אייבערשטן, איז דא אסאך מאל מ'איז ממש טריקן, מ'קען נישט רעדן. און אפילו אז מיט א חבר קען מען זיצן א גאנצע נאכט און רעדן און רעדן און דערציילן אלע מבוכות שבלב, נישט מתפלל זיין פאר א חבר, פאר א חבר איז מען נישט מתפלל, מ'מאכט א אמת'ע שיחה בינו לבין חבירו, און מ'רעדט, און מ'שמועסט ארום... ווילסטו עס נאכדעם זאגן פאר'ן אייבערשטן, זעצט זיך אוועק ביי התבודדות... רבונו של עולם... העלף שוין... וויפיל איז די זייגער?... אוי, איך האב שוין נישט קיין כח, ס'גייט נישט, א גוטן טאג... יא, אלע ווייסן, ווער ס'טוט עס...

אנהייב, פאר ווען מ'האט דעם רביין, אז א מענטש פרובירט דאס טון, איז די חיצים זענען חיצים פון א מלך אכזרי. אוי, נישטא וואס צו רעדן!... שוין... מ'הייבט זיך אן רוקן, און געענדיגט... אבער אז מ'הייבט אן גיין מיט'ן רביין. שפעטער, דער רבי גיבט דיר נישט דיבורים. דאס אויכעט. אבער דער רבי זאגט, ווייסט וואס? איך וועל דיר אויסלערנען איך וועל דיך גיבן א לעכטיגקייט. יעצט קום, יעצט זעץ דיך אוועק. יעצט אז דו האסט נישט קיין דיבורים, אבער ס'איז שוין זיס, ס'איז געשמאק... ווער ס'האט שוין א נאמנות צום רביין, מ'האט שוין א ביטול צום רביין, און ער הייבט אן זיין מקושר צו אים באמת. דעמאלטס אז ער האט נישט וואס צו רעדן, ס'איז אויכעט פיילן. ס'איז געשאסן חיצים. אבער ס'איז שוין חיצים, וואס איז שוין נישט פון דער מלך האכזר.

## ר' אברהם ב"ר נחמן'ס התבודדות

איך האב געליינט יעצט פאר'ן קומען דא אין אומאן, ס'איז ארויס א נייע חיבור, '**אחד היה אברהם**' אויף **ר' אברהם בן נחמן**. אינטערעסאנט, איך האב דארט געזען שיחות וואס איך קיינמאל נישט געוואוסט... ר' אברהם בן נחמן, ער איז געווען אן איש אלוקים, ווער ס'לערנט אפילו נאר אביסל ביאור הליקוטים, און ער זעט אז ער פארשטייט נישט... בקיצור, ר' אברהם בן נחמן, ער איז געווען דא ביים רביי'נס ציון שנים על גבי שנים. עס איז געווען לעת זקנותו, האט ער געדארפט איינער זאל אים באגלייטן ביי חצות,

דעמאלטס אומאן, ס'איז נאכנישט געווען דא אויף פושקינא געבויעט אלע בנינים, ס'איז געווען א פאר סוף פושקינא, ס'איז בעיקר געווען אין די צווייטע זייט בארג. נאכ'ן ציון גייט אראפ א בארג, און מ'גייט ארויף צוריק, אויבן איז דא די קלויז. דארט איז געווען די אלטשטאט פון אומאן, דארט איז די מארק עד היום. בקיצור, איז מען האט געדארפט אראפגיין, און צווישן איז געווען א טייך. היינט איז שוין נישטא די טייך. דארט ווי ער האט געהאט זיין אוהל דארט אונטן, איז געווען א טייך אמאל, אונטערן ציון ממש. היינט איז עס שוין נישטא. דעמאלטס איז געווען א שמאלע בריק פון האלץ וואס מ'האט געמאכט כדי די עובדי השם וואס גייען צום ציון זאלן קענען אריבערגיין.

לעת זקנותו, האט ער נישט גוט געזען, איז געווען א סכנה צו גיין אויף א בריק, ער קען ארייןפאלן. איז ער געגאנגען מיט איינעם. ער קומט מיט אים אריין צום ציון ביי חצות. און ס'איז געווען א שטיבעלע, א קליין אוהל, ער האט געהאט די שליסל, ער גייט אריין. און ער האט יענעם געבעטן, אויב דו קענסט ארויסגיין אדער אהיימגיין, איך וויל מאכן התבודדות,

און איך וועל שוין בלייבן דא אויף אפאר שעה. און יענער האט געוואוסט אז ער זעט נישט גוט, האט ער געטראכט, יא גוט, ער גייט ארויס... און ער האט זיך שפעטער אוועקגעשטעלט נעבן, ער זאל הערן וואס רבי אברהם בן רבי נחמן רעדט... איז רבי אברהם בן רבי נחמן'ס התבודדות, מ'קען זען פון זיינע תפילות, ס'איז געווען על דרכו. אבער ער זאגט אז די ערשטע שעה, איז ער געשטאנען א שעה צייט פאר'ן רבי און ער האט געזאגט, **"רבי, איך בין פארקלעמט. רבי, איך בין פארפרוירן"**. און אזוי האט ער עס איבער גע'חזר'ט נאך אמאל און נאך אמאל, **"רבי, איך בין פארפרוירן, איך בין פארקלעמט"**. און אזוי, ער האט עס געזאגט, און ער זאגט ביז ס'איז אריבער א שעה אדער מער, האט זיך אים געעפנט, און דעמאלטס האט ער אנגעהויבן רעדן לפי דרכו.

## פארפרוירן, פארקלעמט

יעצט, ווען א ברסלב'ער זאגט, "רבי, איך בין פארקלעמט," אדער ער זאגט עס ביי התבודדות, **"רבונו של עולם, איך בין פארפרוירן, איך בין פארקלעמט,"** ס'איז חיצים, ווייל ער איז פארקלעמט, ער איז פארפרוירן. אה, אבער ס'איז אזוי געשמאק, זיין אזוי פארפרוירן, אויב מען האט ער שוין אזעלכע עצות און מ'קען זאגן, "רבונו של עולם, איך בין פארקלעמט," מ'קען זאגן, "רבונו של עולם, איך בין פארפרוירן," ס'איז שוין נישט קיין חיצים פון א מלך אכזר, ס'איז שוין חיצים פון א צדיק וואס איז דיר מתקן אין אזא וועג.

דער רבי וואלט דיר געקענט גיבן דיבורים. אזוי ווי דער אייבערשטער קען געבן דיבורים פאר א מענטש, ער זאל זיך אויסגעסן זיין הארץ. און דער אייבערשטער וויל אים נישט שטראפן מיט דעם וואס ער גיבט אים נישט קיין דיבורים. ווייל אפילו א שטראף פון באשעפער מיינט לצורך תיקון, כדי צו דיר צוריקברענגען אויף דיין פלאץ וואו דו דארפסט אנקומען. און כדי צו צוריק אנקומען און מתוקן ווערן, דארפסטו טאקע אריבערגיין פון אזא פלאץ וואס דו קענסט נישט רעדן. אבער כל זמן דו האסט נישט די כח הצדיק אויב דו קענסט נישט רעדן, ווערסטו נעלם, גייסט אוועק. דו זאגסט, **"איך האב נישט וואס צו רעדן, איך בין פארפרוירן, פארקלעמט.."**. רוב בני עולם זענען פארפרוירן און פארקלעמט, און ממילא טאקע... עסן זיי, טרינקען זיי, און האנדלען, און מאכן אסאך געלט... ווייל זיי זענען פארפרוירן, זיי זענען פארקלעמט... איז "איזל ואהנה מהאי עלמא", יעדער איינער לפי דרכו...

אבער אז איינער האט שוין די עקשנות אז ניין, איך וועל זיין פארפרוירן, איך וועל זיין פארקלעמט, גיי איך נישט אהיים, איך וועל שטיין, איך וועל זאגן, "איך בין פארקלעמט, איך בין פארפרוירן," און איך וועל פון דארטן פרובירן מיט אלע עצות פון רבי'ן.

## אזוי פאררעכט מען בשורש

דער רבי האט דאך א גאנצע אוצר פון עצות מיט דרכים תמימים ופשוטים ועמוקים מאוד, ווי ר' נתן האט עס ליב צו רופן. ס'איז זייער טיף, און ס'איז זייער פשוט, על כל פנים, אזעלכע תמימות'דיגע, חכמה'דיגע עצות, וואס מיט דעם, אדרבה, יעצט וועט מען שיסן די פיילן און אלעס, און כעס, און אלע ענינים וואס די גייסט אריבער מוחין דקטנות. יעצט וועט מען דיר געבן מוחין דקטנות, אבער ס'איז שוין אזאלעכע הייליגע מוחין דקטנות וואס דער דאקטאר גיבט דאס! איך וועל געבן א דוגמא, א מענטש גייט אריבער אן עקסידענט, רחמנא ליצלן, און ער ווערט צעשמעטערט, צעקנאקט, צעשניטן פון אייזנעס, און ער קומט אין שפיטאל. און שפעטער, לכאורה זעט עס אויס אז דער דאקטאר חזר'ט איבער אויף געוויסע חלקים פון די עקסידענט, ער שניידט און ער צעקוועטשט און ער רייסט און ער פליקט, אבער דאס איז שוין דער דאקטאר, ס'איז שוין נישט די עקסידענט.

איז דא א בחינה אז א מענטש גייט אמאל אריבער, נאך ווען ער קומט צום צדיק זעט אים אויס אז ער גייט אריבער ווייטער עקסידענטן, אבער די חכמה איז אז יעצט הייבט זיך אן דעם תיקון, יעצט הייבט זיך אן אז מען הייבט דיר אן פארריכטן! ווייל אז א מענטש האט באמת מיט זיך די ריכטיגע דעת, די ריכטיגע אור הצדיק, איז ממילא ווען ער גייט עס יעצט אריבער איבער א נייעס, איז דא דוקא א תועלת, און אדרבה, דאס איז די אמת'ע תיקון!

## תשובת המשקל

די גרעסטע תיקון, באמת צו פאררעכטן, זאגט דער רבי אפאר מאל, און ס'ווערט געברענגט אין **ליקוטי עצות** אין **ערך תשובה** און סיי אין **ערך מחשבות והרהורים**, דער רבי רעדט דאס אין **תורה כ"ז**, און **תורה מ"ט תנינא**, אז די אמת'ע תשובה, באמת פאררעכטן איז וואס ס'ווערט אנגערופן 'תשובת המשקל'. תשובת המשקל מיינט אז דו קומסט אן צוריק אין די זעלבע מציאות ווי דו ביסט געווען פארדעם, און יעצט טוסטו נישט נאכאמאל וואס דו האסט דענסטמאל געטון, נאר דו ביסט פונה עורף פון דעם יצר הרע, און דו טוסט נישט איבער נאכאמאל דעם חטא. זאגט דער רבי, דענסטמאל איז עיקר התשובה והתיקון וואס א מענטש איז מכפר.

זאגט **ר' שמואל הורוויץ** דארטן אין די בריוו, א מענטש כאפט זיך נישט אסאך מאל, ער קומט אן אין זמני קטנות, און ס'הייבט אן ארויפשווימען אין אים אלטע נסיונות, און ער זאגט, **"געוואלד, דאס בין איך?"** יעצט ביסטו אין זמן התיקון! יעצט איז תיקונים! דער אויבערשטער שיקט דיר יעצט איבער א נייעס די מחשבות, און איבער א נייעס די נסיונות, כדי אז דו זאלסט יעצט האבן א הזדמנות נישט נאר יעצט מתגבר זיין, נאר מיט'ן מתגבר זיין יעצט פארריכטן אלץ וואס איז געווען!

אבער אז א מענטש כאפט דאס נישט, האט ער חלישות הדעת פון דעם וואס ער האט יעצט די נסיונות. אבער, עס איז טיפשות! נישט נאר ס'איז נישט קיין סיבה אויף חלישות הדעת, ס'איז א סיבה צו זיין בשמחה און עס אויסנוצן! יעצט נוץ עס אויס! יעצט האסטו איבער א נייעס מוחין דקטנות וואס דו האסט געהאט אמאל, און יעצט טוסטו נישט בשעת די מוחין דקטנות וואס דו האסט געטון יענע מאל, די אנטלויפסט נישט פונעם אייבערשטן. פארריכסטו יעצט אלץ וואס דו ביסט נכשל געווארן בשעת די מוחין דקטנות וואס דו האסט אמאל געהאט, און אזוי ווייטער.

און דאס איז תשובת המשקל וואס דער צדיק ברענגט א מענטש, **דאס איז אן אנדערע סארט מהלך התיקון אינגאנצן**. און ווען א מענטש הייבט דאס אן כאפן...

## אנטלויף נישט

איר ווייסט אז רוב מענטשן דרייען זיך אויף די וועלט, איך רעד פון ערליכע פיינע אינגעלייט, דרייען זיך מיט א הרגשה פון מאוכזבים - דיסאפוינטעד רוב מענטשן דרייען זיך מאוכזב / דיסאפוינטעד , וואס הייסט, ער פילט, עה ס'איז נישט, ס'איז נישט. און ס'איז נישט... ער איז גערעכט, ס'איז נישט, ס'איז נישט, ער קומט נישט אן... אבער ער כאפט נישט אסאך מאל, אז מען פירט זיך מיט דיר מיט א מהלך, אז כדי דיר צו ברענגען צו וואו דו דארפסט אנקומען, פירט מען דיר אריבער כל מיני נסיונות, כל מיני ענינים, און יעצט פארריכסטו אלץ וואס איז געווען... און 'דאס איז די וועג פונעם רבי'.

דער רבי האט ליב צו העלפן מענטשן בעלי בחירה, דאס מיינט, ער נעמט א מענטש און ער זאגט, **"איך גיי דיר נישט צונעמען דיין בחירה, איך וועל דיר נאך געבן א שווערערע בחירה אפשר פון וואס דו האסט געהאט פריער. אבער... יעצט וועל איך גיין מיט דיר האנט ביי האנט"**. און אז מען גייט מיט א צדיק האנט ביי האנט, איז ממילא ווערט שוין געשמאק אלע מעברים וואס מען גייט אריבער. טאקע אינדרויסן זעט עס אויס די זעלבע, די חיצים זעט עס אינדרויסן די זעלבע, אבער ס'איז חיצים פון א דאקטאר, ס'איז נישט קיין חיצים פון א מלך אכזר. ס'איז אן אנדערע סארט וועג, ס'איז א וועג פון א תיקון...

## אויף צוריק וואלט איך געלאפן

מען קען מאריך זיין אין דעם אסאך, דער אויבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן באמת זיך אנגארטלן אין הייליגן רבי'ן, און ארייננגיין צוריק... איינער האט דא פריער דערמאנט א שיחה וואס דער רבי געזאגט: **"ווען איך האב ווען אזא רבי'ן אזוי ווי אייך, וואלט איך צי פוס געגאנגען"**. האט מען אים געפרעגט און וואס וואלט געווען אויף צוריק? האט ער געזאגט **"אויף צוריק וואלט איך געלאפן"**.

יא, מ'קומט צוריק פון רבי'ן. ס'איז נארמאל, מ'קומט אמאל צו א צדיק, שוין, מ'איז געווען ביים צדיק, יעצט אז מ'גייט אהיים, געענדיגט, ס'האט זיך געענדיגט די צייט, מ'איז געווען ביים צדיק יעצט פארט מען אהיים. איז אוודאי, וואס ווייניגער לויפן איז בעסער, מאכן דריי טריט, עושה שלום, אפשר ארייכאפן נאך א בליק זען דעם צדיק. ביים רבי'ן איז דאס אויך דא.

אבער ס'איז דא א בחינה אז דער רבי זאגט "אויף צוריק לויפט מען". ווייל אונז קומען צום ציון, אונז קומען נישט צום ציון זיין דא ביים רבי'ן און אהיים גיין אין שטוב. ברוך השם, אונז האבן דעם רבי'ן נישט נאר זיין ציון, אונז האבן דעם רבי'ן אליין כסדר. אונז קומען דא צום רבי"נס ציון באמת זיך קאנעקטן, זיך מחבר זיין, און מיט דעם חיבור גייט מען יעצט אהיים. יעדער איינער אוואו ער גייט אהיים, און גייט אנהייבן לעבן מיט'ן דעת פון רבי'ן, גייט אנהייבן ארייננבראקן אין זיך נאך א בריוו פון עלים לתרופה, נאך א לימוד פון ליקוטי הלכות וואס ס'גייט אים העלפן אז יעצט דער רבי וועט זיך קענען אנהייבן פָארן מיט אים מתוך זיין בחירה און ברענגען צו זיין אן ערליכע איד, און אנקומען צו זיין שלימות, אמן ואמן.

צי הערן די 'אומאן אינפא' טעלעפאן ליין שמועס; 845.502.8626 נומער 7 < 4

Uman Info Center
845-502-UMAN(8626)